

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

מטו"מ
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ן

## פראגע

**אויב יעדע שעה אין עולם הבא ווערן די תענוגים גרעסער און גרעסער – ווי איך האט פריער געזאגט. זאלן מיר שטרעבן אנצוקומען דארט שנעלער, כדי מיר זאלן שוין שנעלער קענען אנהייבן פארגרעסערן אונזערע תענוגים?...**

## ענטפער:

**דער** ענטפער איז, משה רבינו האט געוואוסט מער פון אונז איבער עולם הבא. אבער ווען הקב"ה האט אים געזאגט **"הן קרבו ימיך למות"** – דיינע טעג צו שטארבן דערנענטערן זיך, וואלט משה רבינו געדארפט מאכן א קידושו! אבער צום סוף זעען מיר אז ער האט אראפגעלייגט די גרעסטע פראטעסט וואס א מענטש האט נאר געמאכט קעגן שטארבן. **"ואתחנן אל ה' בעת ההוא"** – איך האב מיך געבעטן ביים באשעפער אין יענע צייט.

און דער מדרש זאגט אז משה רבינו איז ארומגעגאנגען, ער האט געבעטן, געוויינט און זיך איינגעג'עקשנ'ט; ער האט נישט געוואלט שטארבן! ער האט געזאגט אן א שיעור תפילות.

ווייל ווי לענגער מען איז דא, אלס מער געלעגנהייטן האט מען צו קענען אנקומען צו עולם הבא מיט א גרעסערע פארמעגן. און אויב מען קומט מיט א גרעסערע פארמעגן, וועט מען האבן פיל א גרעסערע עתיד פון גליקליכקייט.

וועגן דעם זאגט די משנה (אבות ד יז), **"יפה שעה אחת של תשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא"** – עס איז בעסער צו בלייבן איין מינוט לענגער אויף די וועלט און עוסק זיין אין תשובה און מעשים טובים, מער פון די גאנצע לעבן אין עולם הבא. ווייל אריינכאפן קען מען נאר דא, אויף יענער וועלט קען מען שוין מער גארנישט צולייגן.

(#447)

## פראגע

**וואס איז וויכטיגער, דאווענען פאר א חבר אדער טון עפעס א פאקטישע הילף פאר אים?**

## ענטפער:

**ביידע** איז וויכטיג. אודאי אויב מען קען טון ביידע דארף מען טון ביידע. אויב איז עס אבער א מענטש וואס צוליב סיי-וועלכע סיבה קענסטו אים נישט העלפן, דאן בעט פאר אים. אבער אויב דו קענסט אים יא העלפן מיט עפעס, טוט יענץ אויך.

עס שטייט אין די גמרא (בבא בתרא ט:) **"הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות"** – א מענטש וואס גיבט א פרוטה פאר אן ארימאן ווערט געבענטשט מיט זעקס ברכות; **"והמפייסו בדברים מתברך באחת עשרה ברכות"** – און איינער וואס בארואיגט אים מיט ווערטער, באקומט עלף ברכות. יעצט, אויב מען טוט ביידע זאכן; לאמיר זאגן דו גיבסט אים א נדבה און דו זאגסט, "איך זע איר זענט זייער א חשוב'ער מענטש. איך וואלט אייך ווען געוואלט געבן טויזנט דאלאר, ווען איך האב ווען." דו מאכסט אים פילן גוט. "הלואי איך קען אייך געבן מער. עס קומט זיך אייך." יעצט באקומסטו זיבעצן ברכות. די ערשטע זעקס און נאך עלף.

אבער לאמיר זאגן איר האט געלט אין טאש, אבער איר ווילט יוצא זיין בלויז מיט'ן אים געבן גוטע ווערטער, סתם צו מאכן פילן גוט; עס איז נישט קיין שלעכטע זאך, אבער נאך אלץ וועט עס זיין א טענה קעגן אייך. וואס טוט זיך מיט די געלט וואס ליגט אין דיין טאש?

במילא איז די בעסטע זאך אים צו געבן געלט און אויך געבן גוטע ווערטער. (E-1 #)

### ענטפער:

**פראגע**

## איז אויסגעהאלטן צו פארפאסן די מצוה פון תפלה בציבור, אויב איך וויל דאווענען מיט מער כונה?

**איך** בין דער לעצטער פון וועם איר וועט הערן א יא. אויב איר ווילט קענט איר קומען פריער און אנהייבן דאווענען סך פריער פון די מנין. די מצוה פון תפלה בציבור קענט איר ערפילן אויב איר שטעלט זיך דאווענען שמונה עשרה אינעם זעלבן מינוט ווי יעדן איינעם. במילא האט איר אסאך צייט בעפארדעם אנצוהייבן דאס דאווענען, און אייער שמונה עשרה קען אנהאלטן פאר א לאנגע צייט נאכדעם. עס איז נישט דא קיין סיבה צו פארלירן תפלה בציבור.

די שאלה פארלאנגט אבער מער אויפמערקזאמקייט ווי דעם, ווייל אסאך מאל איז די סיבה די פראבלעם וואס שטערט פון דאווענען בכונה. און די שאלה גיי איך נישט ענטפערן. איך וועל עס איבערלאזן פאר די גדולי ישראל.

### ענטפער:

**פראגע**

## אויב דאס לעבן איז כסדר פול מיט פראבלעמען, פארוואס איז זעלבסטמארד נאריש? מען ווערט פטור פון אלע פראבלעמען!?

**ווען** איר גייט ארויס פון דעם טיר דא, פירט עס אייך ארויף צום דאך; איר זענט געלאדנט עס צו פרובירן...

אבער איך ווייס אז איר גייט עס נישט טון, ווייל די **גרעסטע פראבלעם** איז צו ווערן געה'רג'עט ר"ל; די ערגסטע פון אלע פראבלעמען איז צו שטארבן. קיין שום פראבלעם איז נישט אזא גרויסע פראבלעם, אין פארגלייך צו די פראבלעם פון ווערן געה'רג'עט.

עס איז א שטות! אזעלכע גערעדאכטס קומט פון די דרויסנדיגע וועלט. פון וואו לערנען זיי עס? פון די ביכער און מאגאזינען. אין די היינטיגע ביכער פרובירן זיי אויסצולערנען די מענטשהייט פארקערט פון רעאליטעט! אלעס איז אזוי פארדרייט און משוגע.

**די גרעסטע געשמאק איז צו זיין לעבעדיג** – יעצט אין די מינוט. מיר זענען פול מיט געשמאק! וואס איז עס מיין שולד אז מענטשן זענען געווארן אזוי פארקרומט דורך די שרייבערס און זיי זעען נישט איין דעם גרויסן אמת?! צו זיצן יעצט דא, דיין הארץ קלאפט; עס איז אסאך פאן! דו האסט צוויי נירן, געוויסע מענטשן האבן נאר איינס, דו האסט צוויי נירן וואס ארבעטן אזוי גוט אז דו שפירסט עס ניטאמאל; עס איז אזוי פיל פאן. דיינע לונגען ארבעטן, עס איז פאן! די רואיגקייט פון זיין געזונט איז אסאך פאן, עס איז נישט דא קיין בעסערע זאך בגשמיות ווי פשוט צו לעבן!

עס איז אזוי נאריש... לאמיר זאגן איר האט א פאלאץ אין פלארידע, און א פאלאץ אין מעין, און א פאלאץ אין פראנקרייך און אין איטאליע, און איר האט אייער פריוואטע יאכט און פריוואטע פליגערס; עס גיבט דיר גארנישט צו צום לעבן. יעצט ווען דו זיצט דא, ביזטו דער גליקליכסטער מענטש וואס איז דא.

די וועלט איז משוגע! זיי פארקוקן פון די אמת'ע פרייליכקייט; די אמת'ע פריילעכקייט איז צו זיין לעבעדיג יעצט דא. וואספארא פראבלעם אין לעבן קען עס מאכן ווערד צו פארלירן דאס לעבן?!

עס איז גארנישט חוץ די ליטעראטור; עס איז לעבן אין פאנטאזיע, אין א דמיון-וועלט. אסאך מענטשן זענען באאיינדרוקט פון די פאנטאזיעס, אז זיי וועלן נעמען זייער לעבן אינמיטן פון אזויפיל שפע! ווען זיי זענען געזונט... ווייל זיי זענען געווארן איבערגעוועלטיגט אין טראכטן אז עס איז א נאבעלע זאך, א הערליכע זאך צו באגיין זעלבסטמארד.

במילא, איך לאדן אייך אלע איין, מיר האבן א שיינע דאך אויבן, און פרובירט עס אויס. גלייבט מיר, בעפאר זיי קומען אן אויף דער ערד וועלן זיי טוישן זייער מיינונג – אבער עס וועט זיין צו שפעט. די מינוט בעפאר זיי שטויסן זיך אן אויף דער ערד, אנטדעקן זיי ווי זיס לעבן איז. ווי וואונדערליך לעבן איז, אבער עס איז שוין צו שפעט.

איז לאמיר הנאה האבן שוין יעצט!

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
**ארויס פון דרוק!**




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב